י. ל. גערשט

# רעפלעקסען

(ענדע)

אָבער אין דער אמת׳ן נישט דאָס זענען מ̇יר דאָ בעיקר אויסען. אונז געהט דאָ הויפּטזעכליך אין דעם מחבר׳ס צעטומעלטקייט אין זיינע שאַבלאָן-מליצה׳דיגע ליוב געזאַנגען דער קונסט אַזוי אַז ס׳איז ביי איהם אַ פשיטות אַז: „אַ פאָלק שטייגט-אויף אויף שטאַפּלען פון בעהויבונג דורכ׳ן ציבער שטעקעלע פונ׳ם יונגען מכשף... דעם קינסטלער״, (סוף „אַריינפיר״ אין „צווייאונצוואַנציג״). און דאָ לוינט זיך טאַקי מברר צו זיין אַז קוקענדיג דורך דער יהדות-פריזמע שטייגט כלל נישט קיין פאָלק אויף שטאַפּלען פון „דערהויבונג״ דורך אַ „קינסטלער-מכשף״ נאָר דורך אַ קינסטלער נביא... דאָס זענען בעצם צוויי געגענגעזעצטע בעגריפען, וועלכע בילדען גראָד די בולטע קריטעריעס פאַר אונזער אָבשאַצונג פון קונסט ווערטען. דער קינסטלער-מכשף נידערט אַראָב צו דער כשוף-תאוה און רויער סטיכיע פון המון, מאַכט שלום מיט איהר און חנפ׳עט זיי דורכ׳ן מאָלען און בעפּוצען זי מיט כשוף-אויסגעקינטעלטער אָרנאַמענטיק. אַזוינאָך טהוט ער ס׳פאָלק נאָך פערוויגען אין זיין געפאַלענקייט דורך רייצענדע האָקוס-פּאָקוס-בלענדונגען און פערפיהרערישער, קינסטלעריש-אויסגעציהרטער זינליכקייט. דאַגעגען דער קינסטלער-נביא, זייענדיג דער שאַרפסטער מרידה-אויסדרוק געגען דער המון-עמ׳דיגער פלאַכקייט דערהויבט זיך קודם כל הימעל-הויך איבער דער לעצטער און רייניגט זי און לייטערט זי מיט זיין הייליגען נביאישען פייער און שכינה-שעהנקייט׳ס אָבשיין. און דעריבער טאַקי נאָר אַזעלכע ווערק וואָס זענען דורכגעשטראָמט מיט׳ן קינסטלעריש-נביאישען פּאַטאָס פון למשל בן אמוץ׳ס חזיונות און גליהענדע שכינה-בענקעניש פון אויטאָר פון אַ „כתר מלכות״ — נאָר אַזעלכע ווערק קענען מאַכען אויפציטערען אין פאָלק זיינע געהיימסטע נשמה-פייערלעך און וועקען אין איהם דעם דראַנג צו „שטייגען אויף שטאַפּלען פון דערהויבונג״.

בכלל געהט עס דער מחבר מחיל אל חיל אין זיין פערשטענדניסלאָזיגקייט פאַר די דאָזיגע פּראָבלעמען אין ליכט פון יהדות, ושאַנגלירענדיג דערביי כסדר מיט אויסגעהאָרעוועטע מליצות און מן-המוכן׳דיג אויסגעבאָרגטע, פעראַלגעמיינערטע אויסטייטשענישען אַ שטייגער ווי ער טהוט עס אין זיין מאמר „פוטריזם״ דערצעהלען מיט אַזאַ פּאַטאָס אַז די אָדער יענע קונסט-פאָרם בעדייט פאַר איהם „אַ שלום זכר פון אַ ניי געבוירענער קולטור״, גלייך ווי דאָ וואָלט געוועזן מעהר, פון אונזער שטאַנדפּונקט, ווי אַ בלויזע לבוש-מעטאַמאָרפאָזע ביים אַלטען פערפוילטען תוכן און סוזשעט-צוקלייב. — ס׳איז אגב כאַראַקטעריסטיש אַז דעם דאָזיגען מסוכן׳דיגען פלירט טרייבט דער מחבר גראָד אין דער יעצטיגער ערנסטער צייט ווען די אייראָפּעאיש-יידישע גאַס שטורמט און פערהילכט אַזוי שטאַרק די יהדות-אָריענטאַציע און איהר לעבענס-שטייגער מיט כלערליי קונסט-גלעקלעך דוקא און מאַכט אונז אָן אַזעלכע פילבאַרע וויסטענישען.

ווי ס׳זאָל נישט זיין: אַ גייסט פון קרעפטיגער, אָריגינעלער ווערטען-אָפּשאַצונג און בעגריפען-בירור דאַרף אַריינגעשטראָמט ווערען אין די שלאַבעריגע גלידער פון אונזער יונג-שרייבעריי, וועלכער וועט ממילא אָבנעמען ביי מאנכע פון אונזערע אָנפענגער די תאוה אַרויסצוווייזען זייער פרעמד-סנאָבישער שוואַכקייט אויף דער לעצטערס וויכטיגסטע פּאָזיציעס.

---

ב. י. ווינשטיין

# הערבסט

## נאוועלע —

אַ טרויעריגער איז חיים אַריין צו זיך אין צימער. אַ אומעטיגער שלייער איז געוועזען פערצויגען אויף זיין בלאַס איידעל געזיכט, און אויף זיינע שוואַרצע ברעמען פון זיינע נאָך שוואַרצערע אויגען האָט געציטערט אַ גרויסע קרישטאָלענע טרעהר.

אַ פערמאַטערטער פון פיינליכע געדאַנקען האָט זיך חיים אַנידערגעוואָרפען אויף אַ מיט זייד בעצויגענעם דיוואַן. לאָזענדיג פריי שוועבען זיינע געדאַנקען.

וואָס איז די סיבה פון זיין היינטיגען טרויער? פאַרנאַכט — ווי אַלע טאָג — איז ער אַרויס אויפ׳ן טעגליכען שפּאַציר, ווייט אונטער׳ן שטעדטעל צום גאָרטען, און דאָרט האָט דער הערבסט איהם מקבל-פנים געווען; אַ ווינד האָט אַ רויש געטהון, און אַ פאָר פערוועלקטע בלעטלעך געוואָרפען פאַר זיינע פיס.

באַלד האָט זיך איהם אַלץ אין דער וועלט פערנעפּעלט און אין זיינע אויגען האָבען טרויעריג אָנגעהויבען קלינגען טונקעלע ווערטער;

הערבסט... וויינענדיגע טעג... נעכט. פינסטער... פינסטער... און פון זיין ברוסט האָט זיך נישט ווילענדיג אַרויסגעריסען אַ האַלב פערצווייפעלטער קרעכץ, אוי...

חיימס-פנים האָט זיך עטוואָס אויסגעלייטערט און זיינע פלוצלונג פערגרעסערטע אויגען האָבען אָנגעהויבען בלאָנדזשען איבער׳ן צימער, איבער די ווענד, שויבען, איבער׳ן סופיט און דיל ווי וועלענדיג דאָרט עפּעס דערזעהן.

אַ געדאַנק אַ לויטערער האָט איהם אָנגעהויבען — ווי חיים רופט עס אָן — „מוסר״-זאָגען;

אייגענטליך וואָס איז דער טרויער?

מען בעדויערט דאָס וואָס מען פערלירט אויף אייביג, מען טרויערט נאָך יענעם וואָס קומט שוין מעהר נישט צוריק, אָבער אומעטיגען זיך ביים אָנבליק פון הערבסט?

עס דאָך דער אייביגער פּראָצעס פון בליהען און וועלקען. עס איז דאָך דער שטענדיגער גראַנגעל פון טאָג און נאַכט, ליכט און שאָטען, צווישען פריהלינג און הערבסט, וואָס איינס קומט און דאָס צווייטע פערגעהט. טאָ צו וואָס טרויערען? און דאָך קריכט ווייטער אַרויס אַ געדאַנק, — ווי חיים רופט עס אָן — אַ בייזע שלאַנג וואָס טאָטשעט דעם מח;

דער מענש אַלס „גאָרנישט׳ל״ אין וועלט-אַל: דער מענש אַלס קליין רייפעלע אין די גרויסע קאָמפּליצירטע אונפערשטענדליכע מאַשין, וואָס רופט זיך — וועלט: דער מענש קען נישט בלייבען גלייכגילטיג ווען גראָהע צעקראָכענע וואָלקענס ווי שפּינען, פערשלייערען דעם גאַנצען רוים, פערטונקלען דעם ליכטיגען טאָג.

דער מענש קאָן נישט רוהיג צוקוקען, ווי די וועלט הילט זיך אין איהרע טרויער-קליידער, דעמאָלט...

דעמאָלט פערגנבעט זיך טיעף, טיעף אין האַרצען אַ ווערימעל, וואָס גיסט דאָרט אַריין גיפט. גיפט פון אומעט און טרויער, פערטרייבענדיג פון דאָרט יעדען שפּור פון ליכט און פרייד.,,

נאַכט.

מיט אַ אויסגעקרימט ווייטאָג-געמיט איז חיים אויפגע-